**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט $20 מיליאן אוועילעבל צו פארבעסערן לאקאלע פובליק זיכערהייט און עמערדזשענסי קאמיוניקאציעס סיסטעמס**

***גרענט פינאנצירונג איז יעצט אוועילעבל פאר בארעכטיגטע קאונטיס אויף צו פארבעסערן לאנד מאבייל ראדיא צווישן-אנגעפירטקייט פאר פובליק זיכערהייט אגענטורן***

***די דעדליין איז סעפטעמבער 8, 2023; פארלאנג פאר אפליקאציעס און נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז $20 מיליאן איז געווידמעט געווארן אויף צו פארבעסערן די סטעיט'ס עמערדזשענסי קאמיוניקאציע סיסטעמס דורך די סטעיט צווישן-אנגעפירטע קאמוניקאציעס גרענט געצילטע פראגראם, וועלכע צאלט צוריק פאר בארעכטיגטע קאונטיס איבער די סטעיט פאר פארשידענע אקטיוויטעטן וואס האבן צוטון מיט עמערדזשענסי קאמוניקאציעס סיסטעמס. דאס יאר'ס גרענט פינאנצירונג צוועק צילט צו פארבעסערן די אלגעמיינע סטאטוס פון לאנד מאבייל ראדיא צווישן-אנגעפירטקייט פאר פובליק זיכערהייט אגענטורן אין ניו יארק, ווי אויך די סטעיטס ארום עס.

"אין צייט פון אן עמערדזשענסי, איז יעדע סעקונדע קריטיש," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענט פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן אז אונזער קאמיוניטיס ארום די סטעיט האבן די מאדערנע קאמיוניקאציע געצייג וואס זיי דארפן צו ארבעטן שנעל און ווירקזאם צו באשיצן ניו יארקער און ראטעווען לעבנס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנער דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "קאמיוניקאציעס זענען די רוקן ביין פון עמערדזשענסי רעאקציעס און די פינאנצירונג וועט פארבעסערן אונזער פובליק זיכערהייט געצייג פאר אלעמען. קאונטיס קענען זיך איינגעבן פאר די פינאנצירונג צו פארבעסערן זייער יעצטיגע קאמיוניקאציע סיסטעמס."

א סך הכל פון $20 מיליאן אין סטעיט פינאנצירונג איז אוועילעבל פאר בארעכטיגטע קאונטיס צו שטארקן די הויפט צילן פון פראגראם פינאנצירונג, אריינרעכנענדיג פארבעסערן ווירקזאמקייט און שטארקקייט פון פובליק זיכערהייט ראדיא סיסטעמס, פארברייטערנדיג דעקונג און אפטקייט באנדע מעגליכקייטן פון נאציאנאלע צווישן-אנגעפירטקייט טשאנעלן, און אנטוויקלען אדער פארבעסערן מיטגעטיילטע ראדיא און אנדערע סיסטעמס.

אפליקאציעס זענען אפן און די דעדליין פאר די SICG-געצילטע פראגראם איז סעפטעמבער 8, 2023.

פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט די DHSES גרענטס [וועב בלאט].

גאווערנער האקול האט פריער אנאנסירט נאך אינוועסטירונגען און מיטלען צו פארבעסערן עמערדזשענסי רעאקציע סערוויסעס איבער די סטעיט פונעם שטייער יאר 2024 בודזשעט, אריינגערעכנט:

- $105 מיליאן צו פארבעסערן די סטעיט עמערדשענסי אפעראציעס צענטער, וועלכע דינט אלס די סטעיט'ס צענטראליזירטע לאקאציע וואו עמערדשענסי גרייטקייט און רעאקציע אקטיוויטעטן ווערן קאארדינירט.
- $25 מיליאן צו צושטעלן קאפיטעל גרענטס פאר וואלונטיר פייער דעפארטמענטס פאר אויפבויען, צובויען, אדער איינקויפן איינריכטונגען און געצייג.
- $20 מיליאן צו העלפן קאונטיס מיטן אריבערגיין צו נעקסטן דור 911 דורך א נעטווארק וואס וואלט זיך פארבינדן מיט די פובליק סערוויס ענטפער פונקטן ( Public Service Answering Points, PSAP) אין יעדע קאונטי.
- $10 מיליאן דאלער צו צושטעלן א סטעיט-באצאלטע סטייפענד פאר וואלונטיר פייערלעשער וואס פארענדיגן פונדאמענטאלע טרענירונג.
- $45 מיליאן אין SICG-Formula גרענט פינאנצירונג איז אוועילעבל פאר בארעכטיגטע קאונטיס און ניו יארק סיטי.
- $10 מיליאן אין גרענטס פאר בארעכטיגטע אפליקאנטן צו שטארקן אפעראציעס און פארבעסערונגען פון PSAP'ס. די סטעיט וועט צוריקגעבן געלט פאר אפעראציע אויסגאבן, אריינרעכענענדיג שטאב קאסטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418